Publié par
la Maison de la culture
yiddish - Bibliothèque
Medem avec le concours
de la Délégation Générale
à la Langue Française
et la Forward Association

# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע
פֿון דעם פּאַריזער
ייִדיש־צענטער —
מעדעם־ביבליאָטעק

יאָר 12, נומער 1 (56)

תּישרי תשס״ז/אָקטאָבער 2006

# רעמבראַנדטס ייִדן

הײַיאָר[1] פֿײַערט[2] מען דעם 400סטן געבוירן־טאָג פֿונעם גרויסן האָלענדישן קינסטלער רעמבראַנדט וואַן רין (1606 – 1669). צוליב דעם האָט מען אויף דער גאַנצער וועלט אָרגאַניזירט אויסשטעלונגען[3] און פּראָגראַמען. אַ תּלמידה[4] פֿון די ייִדיש־קורסן, מאַרינאַ אַלעקסעיעוואַ, האָט אָנגעשריבן אַן אַרטיקל וועגן רעמבראַנדטס באַציִונגען[5] מיט ייִדן.

ווי קען מען, נאָך דעם ווי מע האָט געזען „די ייִדישע כּלה[6]“ פֿון רעמבראַנדט, האָבן אַן אַנדער אידעע פֿון ליבע ? ווי קען מען, שטייענדיק פֿאַר רעמבראַנדטס „צוריקגעקערטן זון[7]“, ניט איבערלעבן דאָס באַגעגעניש גלײַכצײַטיק מיטן זון און מיטן פֿאָטער ? און עמעצער, וואָס האָט איין מאָל געזען רעמבראַנדטס „משה רבנו[8]“, וועט תּמיד[9] קלערן, אַז משה האָט אויסגעזען פּונקט אַזוי. דער וועלט באַרימטער האָלענדישער מאָלער רעמבראַנדט, וואָס האָט געוווינט כּמעט[10] 25 יאָר אינעם ייִדישן קוואַרטאַל[11] אין אַמסטערדאַם, איז אפֿשר[12] דער אייציקער נישט ייִדישער קינסטלער וועמענס ווערק מע האָט אַזוי ליב צו רעפּראָדוצירן אין ביכער וועגן דער ייִדישער געשיכטע.

סטיווען נאַדלער, אַ פֿילאָזאָפֿיע־פּראָפֿעסאָר אויף דער אוניווערסיטעט פֿון וויסקאָנסין, האָט אָנגעשריבן אַ גאַנץ בוך וועגן „רעמבראַנדטס ייִדן“[13] – מיט אינטערעסאַנטע פּרטים[14] וועגן דעם מאָלערס שכנים[15], מאָדעלן און קונים[16].

## דער ייִדישער קוואַרטאַל

אינעם ייִדישן קוואַרטאַל וואָס איז אויפֿן אינדזל פֿון וולוענבורג[17], נישט ווײַט פֿונעם הײַנטיקן וואָקזאַל[18], איז רעמבראַנדט געקומען לעבן און אַרבעטן אין 1631. ער טרעפֿט זיך דאָ מיט סאַסקיאַ, וואָס וועט שפּעטער ווערן זײַן ווײַב. אין 1636 קויפֿט ער דאָ אַ הויז, כּדי[19] זיך צו באַזעצן מיט דער משפּחה[20].

ווי אַזוי זעט אויס וולוענבורג אין יענע צײַטן ? די ערשטע ייִדן האָבן זיך דאָרטן באַוויזן אָנהייב 17טן יאָרהונדערט. זיי זענען געווען פֿאַרמעגלעכע סוחרים[21], קאָלאָניאַל־הענדלער[22], זיך געקליידט ווי די



רעמבראַנדטס משה רבנו © D. R.

האָלענדער און געטראָגן קורצע בערד. זיי האָבן גערעדט דזשודעזמע[23], זענען געווען ספֿרדים[24], אָנגעקומענע פֿון פּאָרטוגאַל און שפּאַניע, ווי אויך פֿון אַנטווערפּן[25], וואָס איז נאָך געווען אונטער שפּאַנישער הערשאַפֿט. זיי זענען אַוועק פֿון דאָרטן צוליב די רדיפֿות[26] פֿון דער אינקוויזיציע מיט אַ האָפֿענונג צו פֿירן אַ בעסער לעבן אין דער נײַער האָלענדישער רעפּובליק. און אין אַמסטערדאַם האָבן זיי טאַקע געפֿונען אַ גרויסע טאָלעראַנץ : דער ייִדישער קוואַרטאַל איז ניט געווען קיין פֿאַרמאַכטע געטאָ, ייִדן האָבן געקענט פֿירן אַן אָפֿן קהילה[27]־לעבן, בויען שולן און פּראַווען יום־טובֿים[28]. שפּעטער זענען אויך צוגעקומען פֿון מיזרח[29]־אייראָפּע אַ סך אַשכּנזישע[30] ייִדן, וואָס זענען אַנטלאָפֿן פֿון כמעלניצקיס פּאָגראָמען[31] און אַנדערע פֿאַרפֿאָלגונגען[32]. זיי זענען געווען קליינע סוחרים, בעל־מלאָכות[33],

[סוף זײַט 8]

1. cette année/this year 2. on fête/we celebrate 3. expositions/exhibitions 4. talmide étudiante/student *(fem.)* 5. relations 6. kale fiancée/bride 7. prodigue/prodigal 8. moyshe rabeynu Moïse/Moses 9. tomid toujours/always 10. kima't presque/nearly 11. quartier/quarter 12. efsher peut-être/perhaps 13. Steven Nadler, *Rembrandt's Jews*, University of Chicago Press (2003) 14. protim détails, *sing.* פּרט prat 15. shkheynim voisins/neighbors, *sing.* שכן shokhn 16. koynim clients, *sing.* קונה koyne 17. Vlooienburg 18. gare/railway station 19. kede'y afin de/in order to 20. mishpokhe famille/family 21. ... sokhrim négociants fortunés/rich merchants, *sing.* סוחר soykher 22. marchands de produits coloniaux/dealers in colonial products 23. judéo-espagnol/Judeo-Spanish 24. sfardim séfarades/Sephardic 25. Anvers/Antwerp 26. redifes persécutions 27. kehile communauté/community 28. ... yomtoyvim célébrer les fêtes/celebrate the holidays 29. mizrekh- oriental/Eastern 30. ashkena'zishe ashkénazes/Ashkenazi 31. les pogromes de Chmielnicki/Chmielnicki's pogroms (Ukraine, 1648-1649) 32. persécutions 33. bal-melokhes artisans/craftsmen

# שלומיאל[1]

פֿון אַלע ייִדישע ווערטער וואָס זענען באַקאַנט אויף אַנדערע שפּראַכן, האָט דאָס וואָרט „שלומיאל“ געמאַכט די גרעסטע קאַריערע – כאָטש די ניט־ייִדישע וועלט קען עס בעסער מיטן אַרויסרעד[2] „שלעמיל“.

וואָס איז אַ שלומיאל ? ס'איז עפּעס צווישן אַ שלימזל[3] און אַ נעבעכל[4]. דער אונטערשייד ? די באַרימטסטע דערקלערונג איז, אַז ווען דער שלומיאל פֿאַרגיסט[5] אַ טעלער זופּ, פֿאַלט די זופּ אויף דעם שלימזל – און דאָס נעבעכל דאַרף אַלץ אויפֿראַמען[6]...

פֿון וואַנען דאָס וואָרט „שלומיאל“ שטאַמט, ווייס מען ניט גענוי. אייניקע האַלטן, אַז עס שטאַמט דירעקט פֿון תּנך[7]. אינעם חומש[8] דערמאָנט מען אַ פּאָר מאָל אַ גענעראַל מיטן נאָמען שלומיאל. ס'איז דאָ אַ פּירוש[9] וואָס זאָגט אַז ער איז דערהרגעט געוואָרן[10] על־פּי טעות[11] – ניט אים האָט מען געמיינט, נאָר עמעצן אַנדערש. נו, טאַקע אַ שלומיאל... אַנדערע זאָגן אַז ניט דאָס איז די אמתע[12] עטימאָלאָגיע, נאָר אַז דער נאָמען קומט פֿון דײַטש. די פֿראַגע בלײַבט אָפֿן.

אויף ייִדיש איז דער „שלומיאל“ איינער פֿון די צענדליקער סאָרטן נאַראָנים[13] וואָס מע געפֿינט אין ליטעראַטור און פֿאָלקלאָר. אין יצחק באַשעוויסעס „גימפּל תּם“[14] זאָגט דער העלד : „זיבן צונעמען[15] האָב איך געהאַט [...]. טראָפּ, חמור[16]־אייזל, האָרפֿלאַקס, לעקיש, גלאָמפּ, שמויגער און תּם“. און די קאָמפּלעטע ליסטע סינאָנימען וואָלט פֿאַרנומען די גאַנצע זײַט... אויך פֿאַרשיידענע חיות[17] (ווי קאַלב[18], בהמה[19]) און אַפֿילו[20] פֿאַכן[21] (שוסטער, מלמד[22], חזן[23]) זײַנען אָנגענומען ווי אַ שם־דבֿר[24] פֿאַר נאַרישקייט. יעדער וואָרט האָט זיך זײַן קנייטש[25], נאָר דאָס איז נאָך נישט אונדזער שלומיאל. דער שלומיאל איז אַן אומגעלומפּערטער[26], דער וואָס פּרוּווט צו טאָן, און קען נישט, און דערבײַ איז ער אַן אמתע מכּה[27] פֿאַרן גאַנצן אַרום[28]. ווודי אַלען אָדער דער פֿראַנצייזישער אַקטיאָר פּיער רישאַר צום בײַשפּיל שפּילן אָפֿט ראָלעס פֿון אמתע שלומיאלס...

איז ווי אַזוי, פֿון אַלע באַטעמטע[29] ווערטער פֿון דער ייִדישער שפּראַך, איז דווקא[30] דאָס וואָרט שלומיאל באַרימט געוואָרן אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער סצענע ? עס האָט זיך אָנגעהויבן אין 1814 מיט אַ דײַטשיש בוך פֿונעם שרײַבער אַדעלבערט פֿאָן שאַמיסאָ, *פּעטער שלעמילס אויסערגעוויינטלעכע געשיכטע*[31]. דער העלד לעבט דורך אַ ריי[32] אומגליקלעכע אַוואַנטורעס (זעט ז' 3). אויך הײַנריך הײַנע דערמאָנט די פֿיגור פֿון שלומיאל און זאָגט אַז אַלע פּאָעטן זײַנען זײַנע קינדער. מיט דער צײַט איז דאָס וואָרט באַקאַנט געוואָרן ווי אַ סינאָנים פֿאַר אַן אומפֿעיִקן[33] מענטש אין דײַטש און דער עיקר[34] אין אַמעריקאַנער ענגליש. הײַנט צו טאָג מאַכט מען אַפֿילו וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשונגען[35] אויף דער טעמע „שלומיאל ווי אַ מאָדערנער העלד“[36], אָדער „שלומיאל ווי אַ מעטאַפֿאָר“[37].




ס'איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז דאָס וואָרט „שלומיאל“ איז געבויט אויפֿן שורש[38] „ש ל מ“, וואָס מיינט „גאַנץ, פּערפֿעקט“ (אַזוי ווי „שלמות“[39]) – און דער שורש פֿון „תּם“ (ניט פֿאַרמישן מיטן „טעם“[40] און אַוודאי ניט מיטן „טעם־טעם“ !) מיינט אויך דאָס זעלבע. צי מעג מען דערפֿון דרינגען[41] אַז צו פֿיל פּערפֿעקטקייט פֿירט צו צו נאַרישקייט – אָדער אַז אַ צו קלוגער קען נישט זײַן קיין פּערפֿעקטער מענטש ?

**אַ פּאָר שפּריכווערטער וועגן נאַראָנים און אומגעלומפּערטקייט**

1. אַז מען קען ניט איז ערגער ווי מען האָט ניט.
2. דער שלימזל[1] פֿאַלט אויפֿן גראָז און צעשלאָגט זיך די נאָז.
3. אַ פֿרעמדער נאַר איז כאַ־כאַ־כאַ, אַן אייגענער איז אַך־אַך־אַך.
4. מלמד[2] מאַכט : **מ**ער **ל**ערנען, **מ**ער **ד**לות[3].

1. shlimazl malchanceux/unlucky 2. melamed maître d'école/teacher of young children *(les initiales du dicton forment un acronyme/the initials of the saying form an acronym)* 3. dales misère/poverty.

1. shlumiel maladroit, andouille/bungler, fool 2. prononciation/pronunciation 3. shlimazl malchanceux/unlucky 4. malheureux/helpless, unfortunate 5. renverse/spills 6. nettoyer/clean up 7. tana'kh la Bible juive/Jewish Bible 8. khumesh Pentateuque/Pentateuch 9. peyresh commentaire/commentary 10. derharget ... a été tué/was killed 11. alpi toes par erreur/by mistake 12. e'mese vrai/true 13. imbéciles/fools, *sing.* נאַר 14. ... tam “Gimpel le naïf”/“Gimpel the Fool” de/by Isaac Bashevis Singer 15. surnoms/nicknames ; *les mots suivants sont synonymes de “idiot”/the following words are all synonyms of “fool”* 16. khamer âne/ass 17. khayes animaux/animals 18. veau/calf 19. beheyme bête, vache/cow 20. afile même/even 21. métiers/trades 22. melamed maître d’école/teacher of young children 23. khazn chantre/cantor 24. shem-dover éponyme/byword 25. nuance 26. maladroit/bungler 27. make plaie/scourge 28. entourage/those around him 29. batamte savoureux/savory 30. dafke justement/precisely 31. *Histoire merveilleuse de Peter Schlemihl/The wonderful story of Peter Schlemihl* de/by Adelbert von Chamisso 32. série/series 33. incapable 34. ... iker surtout/most of all 35. recherches universitaires/scholarly research 36. Ruth R. Wisse, *The Schlemiel as Modern Hero*, The University of Chicago Press (1971) 37. Sanford Pinsker, *The Schlemiel as Metaphor: Studies in Yiddish and American Jewish Fiction*, Southern Illinois University Press (1991) 38. shoyresh racine (hébraïque)/(Hebrew) root 39. shleymes perfection 40. tam goût/taste 41. déduire/deduce.

# דער מאַן וואָס האָט פֿאַרלוירן זײַן שאָטן[1]

# פּעטער שלעמילס אויסערגעוויינטלעכע געשיכטע[2]



**פּאָרטרעט פֿון אַדעלבערט פֿאָן שאַמיסאָ** © D. R.

דאָס בוך פּעטער *שלעמילס אויסערגעוויינטלעכע געשיכטע* איז דערשינען[3] אין דײַטשלאַנד אין 1814. דער מחבר[4], אַדעלבערט פֿאָן שאַמיסאָ[5] (1781 – 1838), האָט געשטאַמט פֿון אַ פֿראַנצייזישער משפּחה[6], וואָס האָט עמיגרירט אין דײַטשלאַנד בעת[7] דער רעוואָלוציע. ער איז עטלעכע מאָל צוריקגעפֿאָרן קיין פֿראַנקרײַך אָבער האָט זיך אומעטום געפֿילט פֿרעמד – צווישן צוויי וועלטן. אין בערלין האָט ער שטודירט וויסנשאַפֿט און האָט געאַרבעט ווי אַ באָטאַניקער, נאָר ער האָט גלײַכצײַטיק געשריבן און איז געווען אַרײַנגעטאָן אין ליטעראַרישע קרײַזן. מיט דעם בוך, וואָס מען האָט באַלד איבערגעזעצט אויף פֿראַנצייזיש און אַנדערע שפּראַכן, איז ער געוואָרן גאָר באַקאַנט. דער העלד (אָדער, ווי מען זאָגט הײַנט צו טאָג, „אַנטי־העלד"), איז אַ יונגער מאַן מיטן נאָמען פּעטער שלעמיל. מיר דרוקן דאָ אָפּ אַ פֿראַגמענט, פֿרײַ איבערגעזעצט דורך אַ סטודענטקע פֿון די ייִדיש־קורסן אין פּאַריזער ייִדיש־צענטער, אַן פֿריי[8].

אין דער סצענע טרעפֿט זיך פּעטער שלעמיל מיט אַ מאָדנעם פּאַרשוין[9], וואָס לייגט אים פֿאָר[10] אַן אומגעוויינטלעך געשעפֿט – אָפּצוקויפֿן בײַ אים זײַן שאָטן.

– אַנטשולדיקט מיר, מײַן הער, אויב איך נודזשע[11] אײַך. איר קענט מיך נישט ; איך מוז אײַך בעטן אויב מײַן הער וואָלט זײַן אַזוי גוט...

– אום גאָטעס ווילן, מײַן הער ! – האָב איך אויסגערופֿן איבערשלאָגנדיק[12] זײַנע רייד – וואָס קען איך טאָן פֿאַר...

מיר זענען געבליבן ביידע שטום און אונדזערע פּנימער[13] זענען רויט געוואָרן. נאָך אַ קורצן מאָמענט שטילקייט האָט ער געזאָגט :

– אין דער קורצער צײַט וואָס איך האָב געהאַט דאָס גליק זיך צו געפֿינען לעבן אײַך, האָב איך זיך געקענט צוקוקן מיט באַוווּנדערונג צו דעם פּרעכטיקן[14] שאָטן וואָס איר וואַרפֿט אַזוי גלײַכגילטיק[15] אין דער זון. אַנטשולדיקט מיר מײַן פּרעטענזיע, נאָר וואָלט איר געקענט אַזוי גוט זײַן מיר אָפּצוטרעטן[16] אײַער שאָטן ?

ער איז שטום געוואָרן. דער קאָפּ האָט מיר אָנגעהויבן צו דרייען : וואָס פֿאַר אַ מאָדנער פֿאַרלאַנג ! פֿאַרקויפֿן מײַן שאָטן ? ער מוז זײַן משוגע[17], האָב איך געטראַכט. און בײַטנדיק מײַן שטימע, האָב איך געזאָגט מיטן זעלבן טאָן ווי ער :

– אוי, מײַן פֿרײַנד, אײַער אייגענער שאָטן איז אײַך ניט גענוג ? איר לייגט פֿאָר זייער אַ מאָדנע זאַך. באַלד האָט ער געענטפֿערט.

– כ'האָב אין דער קעשענע[18] פֿאַרשיידענע זאַכן וואָס וואָלטן גרויס ווערט געהאַט פֿאַר אײַך. פֿאַר אַזאַ שאָטן זעט מיר אויס די גרעסטע סומע צו קליין. [...]

– מײַן הער, האָב איך אים געזאָגט, אַנטשולדיקט, זײַט אַזוי גוט, אײַער דינער[19]. איך האָב אײַך ניט גוט פֿאַרשטאַנען... ווי אַזוי וואָלט איך געקענט אײַך אָפּטרעטן מײַן שאָטן ?

ער האָט מיר איבערגעהאַקט :

– איך בעט אײַך בלויז, דערלויבט מיר אויפֿצוהייבן אײַער טײַערן שאָטן און אים אַרײַנצוטאָן אין מײַן קעשענע. ווי אַזוי איך וועל עס טאָן איז מײַן פּראָבלעם. אין



**פּעטער שלעמיל האָט פֿאַרקויפֿט זײַן שאָטן.**
**בילד פֿון דזשאָרדזש קרוקשאַנק (1835)**

אויסטויש[20] וועל איך אײַך געבן, מײַן הער, ווי אַ באַווײַז[21] פֿון מײַן דאַנקבאַרקייט, אויסצוקלײַבן צווישן די אוצרות[22] וואָס איך האָב מיט מיר : דעם אמתן[23] שפּרינגוואָרצל[24], די מאַנדראַגאָרע, די וועקסלגראָשנס[25], דעם רויבטאָלער[26], דעם ווינטשטישטעך[27], דאָס טײַוועלע[28]... אָבער עס וועט ניט האָבן פֿאַר אײַך קיין ניץ. בעסער וועט זײַן פֿאָרטונאַטוסעס ווינטשהיטל[29], פֿריש רעפּאַרירט, און אויסער דעם זײַן

[סוף זײַט 4]

1. ombre/shadow 2. *Peter Schlemihls wundersame Geschichte/Histoire merveilleuse de Peter Schlemihl/The wonderful story of Peter Schlemihl* 3. paru/was published 4. mekhaber auteur/author 5. Adelbert von Chamisso 6. mishpokhe famille/family 7. beys pendant/during 8. Anne Frey 9. étrange personnage/strange character 10. propose/puts forth 11. ennuie/disturb 12. interrompant/interrupting 13. pe'nemer visages/faces, *sing.* פּנים ponem 14. magnifique/splendid 15. indifférent 16. céder/cede 17. meshuge fou/crazy 18. poche/pocket 19. votre serviteur/your servant 20. en échange/in exchange 21. preuve/proof 22. oytsres trésors/treasures 23. e'mesn véritable/true 24. אַ מאַגישער וואָרצל מיט וועלכן מע קען עפֿענען אַלע טירן 25. קופּערנע גראָשנס וואָס בײַטן זיך אין גאָלדענע 26. געלט וואָס קומט שטענדיק צוריק צום ערשטן באַזיצער 27. אַ טישטעך וואָס באַדעקט זיך מיט אַלע שפּײַזן וואָס מע וויל עסן 28. אַ קליינער טײַוול וואָס טוט וואָס מע וויל 29. אַ הוט וואָס גיט אַלץ וואָס מע וויל

[סוף פֿון זײַט 3]



אומאויסשעפּלעך
געלטבײַטל[30].
– פֿאָרטונאַטוסעס
אומאויסשעפּלעך
געלטבײַטל ? האָב איך
אָפּגעהאַקט. און כאָטש[31] איך
בין געווען אַזוי דערשראָקן,
האָט מיר דער קאָפּ גענומען
שווינדלען[32] פֿון דעם
אָנשלאָג[33]. איך האָב שוין
געמיינט אַז איך זע גאָלדענע
קערבלעך[34].

– מײַן הער, פּרוּווט אויס דאָס בײַטל. און ער האָט אַרויסגעצויגן פֿון קעשענע אַ בײַטל פֿון סאַפֿיאַן[35], ניט גרויס און ניט קליין, מיט צוויי לעדערנע פּאַסיקלעך. ער האָט עס מיר געגעבן. איך האָב אַרײַנגעשטעקט די האַנט און אַרויסגענומען צען גאָלדענע קערבלעך, און נאָך צען, און נאָך צען, און נאָך צען. באַלד האָב איך אויסגעשטרעקט די רעכטע האַנט און אים געגעבן אַ תּקיעת־כּף[36] : „אָפּגעמאַכט[37] ! פֿאַר דעם דאָזיקן בײַטל גיב איך מײַן שאָטן". ער האָט מיר אַ קלאַפּ געגעבן אין האַנט, זיך באַלד געשטעלט אויף די קני און איך האָב געזען ווי געשיקט[38] ער האָט אָפּגעשיידט[39] דעם שאָטן פֿונעם גראָז פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, אײַנגעוויקלט[40], צונויפֿגעלייגט[41] און אַרײַנגעשטעקט אין דער קעשענע אַרײַן. ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט, האָט זיך נאָך אַ מאָל אײַנגעבויגן און צוריקגעגאַנגען אינעם רויזן־גאָרטן. עס האָט זיך מיר געדאַכט אַז ער האָט שטיל געלאַכט. נאָר איך האָב מײַן בײַטל פֿעסט געהאַלטן ; אַרום מיר איז די ערד געווען פֿאַרפֿלייצט[42] מיט ליכט און איך האָב זיך נאָך ניט אָפּגעטשוכעט[43].

*פֿרײַ איבערגעזעצט דורך אַן פֿריי*

פּעטער שלעמיל ווערט טאַקע רײַך, נאָר ער אַנטדעקט אַז ס'איז אוממעגלעך צו לעבן צווישן מענטשן אָן אַ שאָטן. מען וויל אים ניט קענען, אַלע האָבן מורא[44] פֿאַר אים. ער זונדערט זיך אָפּ[45] אין גאַנצן פֿון דער געזעלשאַפֿט[46] און גייט לעבן אַליין אויף אַן אינדזל.
די קריטיק האָט אַ סך געשריבן וועגן די ענלעכקייטן צווישן דעם מחבר און זײַן העלד, זײַן געפֿיל פֿון היימלאָזיקייט און אויסגעוואָרצלטקייט[47]. כאָטש אינעם בוך זאָגט מען נישט אַז דער העלד איז אַ ייִד, פּאַסט די פֿיגור פֿון פּעטער שלעמיל זייער גוט פֿאַר אַ סימבאָל פֿון אַ ייִדישן גורל[48] – אַ לעבן אָן אַ היימלאַנד, אויפֿן ראַנד[49] פֿון דער געזעלשאַפֿט, אָפּגעזונדערט און פֿאַרפֿאָלגט[50]. אַנדערע קריטיקער האָבן געזען אין פּעטער שלעמיל אַ מענטש וואָס האָט פֿאַרלוירן זײַן אידענטיטעט, אַ סימבאָל פֿון אַליענאַציע אין דער מאָדערנער וועלט. ווי עס זאָל ניט זײַן, איז עס זייער אַ שיינע פֿאַנטאַסטישע מעשׂה[51] וואָס יעדער קען לייענען מיט גרויס פֿאַרגעניגן !

30. bourse inépuisable/bottomless purse 31. bien que/although 32. tourner/spin 33. proposition/proposal 34. pièces d'or/gold coins 35. maroquin/Morocco leather 36. tkies-kaf poignée de mains/handshake 37. conclu/agreed 38. habilement/adroitly 39. séparé/separated 40. roulé/rolled up 41. plié/folded 42. inondé/flooded 43. repris mes esprits/come to my senses 44. ... moyre ont peur/are afraid 45. s'isole/cuts himself off 46. société/society 47. déracinement/rootlessness 48. goyrl destin/destiny 49. marge/edge 50. persécutés/persecuted 51. mayse histoire/story.



# מאַטעמאַטיק־גלאָסאַר

| | |
|---|---|
| רעכענען | calculer/calculate |
| ציילן | compter/count |
| די רעכענונג (ען), | calcul/calculation |
| דער חשבון (ות) [khezhbm] | |
| די צאָל (ן) | nombre/number |
| דער/די ציפֿער (–) | chiffre/digit, number |
| ברוכצאָלן, | fractions |
| תּשבורות [tishboyres] | |
| דער פּראָצענט (ן) | pourcentage, pour cent/percent |
| דער חיבור [khiber] | addition |
| צוגעבן, חיבורן [khi'bern] | ajouter/add |
| די סומע, | somme/sum |
| דער סך־הכּל [sakhakl] | |
| דער חיסור [khiser], | soustraction/ subtraction |
| דאָס אַראָפּנעמען | |
| אַראָפּנעמען | soustraire/subtract |
| דער כּפֿל [keyfl], | multiplication |
| די מולטיפּליקאַציע | |
| כּפֿלען [keyflen], מערן | multiplier/multiply |
| דער חילוק [khilek], | division |
| די טיילונג | |
| חילוקן [khi'lekn], | diviser/divide |
| טיילן (אויף) | |
| די גלײַכונג (ען) | équation |

# אַריטמעטישע אָפּעראַציעס

| | |
|---|---|
| + | פּלוס |
| - | מינוס |
| x | כּפֿל־צייכן [keyfl] |
| : | חילוק־צייכן [khilek] |
| = | גלײַכצייכן |
| 1 + 1 = 2 | איינס פּלוס איינס איז (גלײַך) צוויי |
| 3 - 2 = 1 | דרײַ מינוס צוויי איז (גלײַך) איינס |
| 2 x 3 = 6 | צוויי מאָל דרײַ איז (גלײַך) זעקס |
| 4 : 2 = 2 | פֿיר געטיילט אויף צוויי איז (גלײַך) צוויי |

# פֿאַר אָנהייבער[1] אין ייִדיש... און אין מאַטעמאַטיק

דאָס איז דער ערשטער *טעם־טעם* פֿונעם נײַעם יאָר 5767. ווינטשן מיר אײַך אַ גוט יאָר און מיר ניצן אויס די געלעגנהייט[2] צו רעדן אַ ביסל וועגן ציפֿערן[3] און אותיות[4].

ווען מיר שרײַבן 5767 ניצן[5] מיר די ציפֿערן וואָס מע רופֿט אַראַבישע ציפֿערן. די צען סימבאָלן, וואָס די גאַנצע וועלט האָט אַדאָפּטירט, האָט מען טאַקע[6] גענומען פֿון די אַראַבער (און זיי האָבן זיי גענומען פֿון די אינדיער[7]). אין אַראַביש שרײַבט מען זיי אָבער אַ ביסל אַנדערש :

١ ٢ ٣ ٤ ٥ ٦ ٧ ٨ ٩ ٠

אַלע ווייסן אַז ס'איז דאָ אַנדערע נומערישע סיסטעמען. די כינעזער האָבן ספּעציפֿישע סימבאָלן פֿאַר די נומערן :

| 一 | 二 | 三 | 四 | 五 | 六 | 七 | 八 | 九 | 十 | 百 | 千 | 萬 |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1 | 2 | 3 | 4 | 5 | 6 | 7 | 8 | 9 | 10 | 100 | 1000 | 10 000 |

די רוימער[8] האָבן געשריבן די צאָלן[9] מיט געוויסע[10] סימבאָלן פֿונעם אַלפֿאַבעט : I V X L C D M

די גריכן[11] האָבן געהאַט אַ נומערישן ווערט[12] פֿאַר יעדן אות :

α β γ δ ε ζ η θ ι κ λ μ ν ξ ο π ρ σ τ υ ϕ χ φ ω

1 2 3 … 10 20 … 100… 500…

אויך אין דעם טראַדיציאָנעלן העברעיִשן סיסטעם ניצט מען די אותיות פֿון דעם אַלף־בית[13]. יעדער אות האָט אַ נומערישן ווערט, ווי אין גריכיש :

| א | ב | ג | ד | ה | ו | ז | ח | ט | י | כ | ל | מ | נ | ס | ע | פ | צ | ק | ר | ש | ת |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1 | 2 | 3 | 4 | 5 | 6 | 7 | 8 | 9 | 10 | 20 | 30 | 40 | 50 | 60 | 70 | 80 | 90 | 100 | 200 | 300 | 400 |

צום בײַשפּיל : י"א = 11 ; י"ב = 12 ; כ"ה = 25 ; מ"ב = 42 ; קצ"ט = 199 (פֿאָרזיכטיק[14] : 15 = ט"ו, 16 = ט"ז).

די צוויי אַפּאָסטראָפֿן וואָס מען שטעלט פֿאַר[15] דעם לעצטן אות איז אַ צייכן[16], אַז דאָס איז אַ צאָל און ניט קיין וואָרט.

צו שרײַבן די טויזנטער[17], הייבט מען אָן[18] נאָך אַ מאָל פֿון „א", נאָר מע גיט צו[19] איין אַפּאָסטראָף :

א' = 1000, ב' = 2000, ג' = 3000 ; צום בײַשפּיל : ב'ר"ל = 2 230

דאָס יאָר 5767 שרײַבט מען אַזוי :

| ת | ש | ס | ״ז |
|---|---|---|---|
| 400 + | 300 + | 60 + | 7 = 767 |

די טויזנטער שרײַבט מען געוויינטלעך[20] ניט. מע נעמט אָן[21] אַז דאָס פֿאַרשטייט מען פֿון זיך אַליין. אויב מע וויל צוגעבן די טויזנטער, שרײַבט מען אַזוי : ה'תשס"ז.

אַלע דאַטעס רעדט מען אַרויס[22] מיטן וואָקאַל[23] „אַ" : תּשס"ז = [tashsaz] ; ה'תּשס"ז = [hatashsaz].

אויב אירווילט ווײַטער גיין מיט מאַטעמאַטיק, קוקט אויף די גלאָסאַרן אויף זײַט 4. אויך די ניו־יאָרקער ייִדישע צײַטונג *פֿאָרווערטס* האָט זיך לעצטנס[24] פֿאַראינטערעסירט מיט מאַטעמאַטיק און מאַטעמאַטיקער[25]. אויב איר שרעקט זיך ניט[26] פֿאַר העכערער מאַטעמאַטיק און דערצו[27] אויף ייִדיש, קענט איר לייענען די אַרטיקלען אויף זײַטן 6 און 7.



**1**. débutants *(le pluriel de ce mot peut être* *אָנהייבער ou אָנהייבערס*)/beginners *(the plural form may be אָנהייבער or אָנהייבערס)* 2. אויסניצן די געלעגנהייט profiter de l'occasion/take the opportunity 3. chiffres/numbers, digits 4. oysyes lettres/letters, *sing.* אות os 5. nous employons/we use 6. en effet/indeed 7. Indiens (Inde)/Indians (India) 8. Romains/Romans 9. nombres/numbers 10. certains/certain 11. Grecs/Greeks 12. valeur numérique/numeric value 13. alef-beys alphabet hébraïque/Hebrew alphabet 14. attention !/careful! 15. *ici* avant/*here* before 16. signe/sign 17. les milliers/thousands 18. אָנהייבן commencer/begin 19. צוגעבן ajouter/add 20. d'habitude/usually 21. אָננעמען supposer/to assume 22. אַרויסרעדן prononcer/pronounce 23. voyelle/vowel 24. dernièrement/recently 25. mathématiciens/mathematicians 26. si vous n'avez pas peur/if you're not afraid 27. et de plus/and moreover.

# וואַן גאָגס „כאַאָס“[1]

# אינטריגירט מאַטעמאַטיקער

מיט צוויי וואָכן צוריק האָט אַ גרופּע וויסנשאַפֿטלער[2] איבערגעגעבן, אַז די כאַאָטישע „שטראָמען“ אויף די שפּעטערדיקע בילדער פֿון וואַן גאָג זעען אויס ווי אַ פּינקטלעכער מאַטעמאַטישער מאָדעל פֿון קאָמפּליצירטע נאַטירלעכע טורבולענץ־פּראָצעסן. די אויספֿאָרשונג[3] איז דורכגעפֿירט געוואָרן דורך כאָסע לויִס אַראַגאָן, אַ פֿיזיקער פֿונעם „נאַציאָנאַלן אויטאָנאָמישן אוניווערסיטעט“ אין דער שטאָט מעקסיקאָ, צוזאַמען מיט צוויי מאַטעמאַטיקער פֿון שפּאַניע און אָקספֿאָרד.

ווינצענט וואַן גאָג, דער גרויסער האָלענדישער קינסטלער, האָט געליטן פֿון עפּילעפּסיע און פּסיכאָז. נישט געקוקט[4] אויף דער פּסיכישער קראַנקהייט, האָט ער געאַרבעט זייער שווער, אָפֿט געמאָלט שעהען[5]־לאַנג אין דרויסן, אונטער דער שטאַרקער זונהיץ, און געטרונקען אַ סך קאַווע און אַבסענט – ביטערגראָז־בראָנפֿן[6] מיט האַלוצינאָגענע אייגנשאַפֿטן[7]. נאָך זײַנע עפּילעפּטישע אָנפֿאַלן[8], האָט דער קינסטלער אָפֿט מאָל געזען זייער קלאָרע וויזועלע האַלוצינאַציעס, וועלכע ער פֿלעגט אָנרופֿן „דער אינערלעכער שטורעם“. [...]

דער מאַטעמאַטישער אַנאַליז פֿון די בילדער האָט געוויזן, אַז זיי שטימען פּינקטלעך מיט דער „קאָלמאַגאָראָוו־פֿאָרמולע“ פֿון טורבולענץ, וואָס באַשרײַבט אַזעלכע פּראָצעסן, ווי די פֿאַרשפּרייטונג פֿונעם רויך איבערן קוימען[9], אָקעאַן־שטראָמען און אַפֿילו[10] פּרײַזן־פֿלוקטואַציעס אויפֿן מאַרק. ס'איז אינטערעסאַנט אָבער, אַז ווען וואַן גאָג פֿלעגט אײַננעמען די מעדיקאַמענטן, וואָס האָבן אָפּגעשטעלט די האַלוצינאַציעס, האָט ער געקענט מאָלן בלויז פּשוטע[11] וואָלקנס און שטראָמען, וואָס זייער סטרוקטור האָט נישט געשטימט מיט די עכטע נאַטור־פּראָצעסן. [...]



**וואַן גאָגס בילד „שטערננאַכט“**

1. chaos 2. scientifiques/scientists 3. recherche/research 4. malgré/despite 5. shoen heures/hours 6. alcool à base d'herbes amères/alcohol made with bitter herbs 7. propriétés/properties 8. attaques/attacks 9. cheminée/chimney 10. afile même/even 11. po'shete simples/simple.



# דער אמת[1] און אויסטראַכטענישן[2]

# וועגן גריגאָרי פּערעלמאַן[3]

פֿון אַנע ערשלער (פֿראַנקרײַך)

דעם 22סטן אויגוסט האָט דער רוסלענדישער מאַטעמאַטיקער גריגאָרי פּערעלמאַן זיך אָפּגעזאָגט[4] פֿון דער „פֿילדס־פּרעמיע“[5] – די העכסטע פּרעמיע אין מאַטעמאַטיק. הונדערטער מעדיומס איבער דער גאַנצער וועלט האָבן באַלד פּובליקירט דערקלערונגען וועגן דער דאָזיקער סענסאַציע.

ווער איז פּערעלמאַן ? „אַ נײַער ראַספּוטין“ – שרײַבן די אַמעריקאַנער צײַטונגען. „ער האָט אַ פּנים[6] פֿון אַ פּאָפּ[7]“ – מיינען די פֿראַנצייזישע צײַטשריפֿטן. „ניט קאָנווענציאָנאַל אַפֿילו[8] פֿאַר אַ מאַטעמאַטישן גאָון[9]“ " שרײַבט מען אין ישׂראל[10]. „צום געלט איז ער גאַנץ גלײַכגילטיק[11]“ – האַלט מען אין דײַטשלאַנד. [...]

וואָס האָט פּערעלמאַן דערגרייכט ? „ער האָט באַשריבן די פֿאָרעם פֿון דעם אוניווערס“ – מיינען אייניקע. „ער האָט געלייזט דעם 'פּואַנקאַרע־היפּאָטעז[12]', אַ באַרימטע פּראָבלעם אין דרײַ־דימענסיאָנאַלער טאָפּאָלאָגיע[13]“ – שרײַבט „ניו־יאָרק טײַמס“ [...].

אינעם 20סטן יאָרהונדערט זײַנען געווען דרײַ באַרימטע פּראָבלעמען אין מאַטעמאַטיק : די גרויסע „פֿערמאַ־טעאָרעם“[14], דערוויזן[15] פֿון

[סוף זײַט 7]

1. emes vérité/truth 2. inventions 3. Grigori Perelman : mathématicien russe/Russian mathematician 4. refusé/refused 5. Prix Fields/Fields Prize 6. ponem visage/face 7. pope/Orthodox priest 8. afile même/even 9. goen génie/genius 10. yisroel Israël 11. indifférent 12. conjecture Poincaré/Poincaré conjecture 13. topologie/topology 14. théorème de Fermat/Fermat's Theorem 15. prouvé/proved

[סוף פֿון זײַט 6]

ענדרוי ווײַלסן מיט אַ צען יאָר צוריק, דער „פּואַנקאַרע־היפּאָטעז“ געלייזט[16] איצט דורך פּערעלמאַנען, און דער „רימאַן־היפּאָטעז“[17], וואָס בלײַבט אָפֿן ביזן הײַנטיקן טאָג. [...]

פּערעלמאַן האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון דעם פּרעסטיזשפֿולן „פֿילדס־מעדאַל“ – צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע ; קיין וויסנשאַפֿטלער האָט זיך אויך נאָך קיין מאָל ניט אָפּגעזאָגט פֿרײַוויליק פֿון דער „נאָבעל־פּרעמיע“. אין אַ שמועס מיט זשורנאַליסטן פֿונעם זשורנאַל „ניו־יאָרקער“ דערקלערט פּערעלמאַן די סיבות[18] פֿון זײַן אָפּזאָג. לויט פּערעלמאַנען זײַנען די עטישע נאָרמעס אין וויסנשאַפֿט ניט גענוג הויך, דערפֿאַר וויל ער ניט, ווי אַ געווינער פֿון דער „פֿילדס־פּרעמיע“, טראָגן דאָס אַחריות[19] פֿאַר דער מאַטעמאַטישער געזעלשאַפֿט. ער זאָגט אויך אַז דער פּריז[20] איז פֿאַר אים ניט וויכטיק. אין דער אמתן, זײַנען די עטישע נאָרמעס אין מאַטעמאַטיק זייער הויך, כאָטש[21] ניט אידעאַל, און פֿאַר אַ סך מאַטעמאַטיקער קלינגט פּערעלמאַנס מיינונג אַ ביסל אומגעוויינטלעך. אָבער פֿאַר די, וואָס קענען פּערעלמאַנס כאַראַקטער, איז זײַן פּאָזיציע ניט קיין חידוש[22].

גריגאָרי (גרישאַ) פּערעלמאַן איז געבוירן געוואָרן אין 1966 אין לענינגראַד. אין 1982 האָט ער געוווּנען אַ גאָלדענעם מעדאַל אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער שול־אָלימפּיאַדע אין מאַטעמאַטיק ; דעם זעלבן יאָר האָט ער אָנגעהויבן שטודירן אין דעם לענינגראַדער מלוכישן[23] אוניווערסיטעט. אין יענע צײַטן, וואָס זײַנען, דאַנקען גאָט, שוין לאַנג פֿאַרבײַ, איז געווען גאָר שווער פֿאַר אַ ייִד צו ווערן אַ סטודענט אין געוויסע אוניווערסיטעטן. די געווינער פֿון דער שול־אָלימפּיאַדע האָבן אָבער געהאַט רעכט זיך אָנצושליסן אין יעדן אוניווערסיטעט אָדער אינסטיטוט.

נאָך דער אַספּיראַנטור[24] אין דעם זעלבן אוניווערסיטעט האָט פּערעלמאַן געהאַט אַ פּאָר פּאָסטדאָקטאָראַלע שטעלעס[25] אין אַמעריקע. אין יענער צײַט האָט ער שוין געלייזט אַ צאָל צענטראַלע פּראָבלעמען אין דער „רימאַן־געאָמעטריע“ ; מ׳האָט אים פֿאַרבעטן צו ווערן אַ פּראָפֿעסאָר פֿון די סאַמע באַוווּסטע[26] אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן. פּערעלמאַן האָט אָבער ניט אָנגענומען די פֿאָרשלאָגן און האָט זיך אומגעקערט קיין פּעטערבורג, ווו ער האָט געהאַט אַ פֿאָרש־שטעלע[27] אין „סטעקלאָוו מאַטעמאַטישן אינסטיטוט“. דאָרטן, זײַענדיק אַ פֿאָרשער און נישט געבנדיק קיין לעקציעס, האָט ער געקענט זיך אין גאַנצן אָפּגעבן מיט טעאָרעטישע פֿאָרשונגען.



**די 3־דימענסיאָנאַלע ספֿערע (בילד פֿון בענואַ קלעקנער)**

דער געהאַלט[28] פֿון אַ מאַטעמאַטיק־פֿאָרשער אין רוסלאַנד איז אָבער געווען זייער קליין, קוים דורכצוקומען דעם טאָג. אין אַ פֿוסנאָט בײַ זײַנע שפּעטערדיקע אַרטיקלען מיטן דערווײַז[29] פֿון דער „פּואַנקאַרע־“ און „געאָמעטריזאַציע“־היפּאָטעז, האָט פּערעלמאַן באַדאַנקט פֿאַר די אָפּגעשפּאָרטע אַמעריקאַנער סטיפּענדיעס. ווײַזט אויס אַז דאָס געלט, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט בעת[30] זײַנע אַקאַדעמישע באַזוכן אין אַמעריקע, האָט אים דערלויבט צו לעבן אין רוסלאַנד נאָך כמעט[31] צען יאָר – אַזוי לאַנג, ווי ער האָט געדאַרפֿט פֿאַר דער לייזונג[32] פֿון דעם „פּואַנקאַרע־היפּאָטעז“.

אָבער דעמאָלט, נאָך זײַן צוריקקער פֿון אַמעריקע, האָט קיינער ניט געוווּסט, אַז פּערעלמאַן טראַכט צו אַרבעטן אויף דער דאָזיקער פּראָבלעם. ער האָט אויפֿגעהערט צו פּובליקירן אַרטיקלען, צו האַלטן רעפֿעראַטן[33] און אָנטיילצונעמען אין קאָנפֿערענצן. ס׳איז געווען קלאָר : אָדער ער האָט זיך אין גאַנצן קאָנצענטרירט אויף אַ שווערער וויסנשאַפֿטלעכער פּראָבלעם אָדער, פֿאַרקערט, ער האָט אויפֿגעהערט צו אַרבעטן בכלל[34]. אין משך פֿון[35] יאָרן האָבן אַלץ מער מענטשן זיך גענייגט[36] צו דער צווייטער ווערסיע.

אָבער אין 2002–2003 האָט פּערעלמאַן פֿאַרעפֿנטלעכט[37] אויף דער אינטערנעץ דרײַ אַרטיקלען, [וואָס זײַנען] גלײַך געוואָרן אַ סענסאַציע אין דער מאַטעמאַטישער וועלט. [...]

16. résolu/solved 17. hypothèse de Riemann/Riemann’s hypothesis 18. sibes raisons/reasons 19. akhrayes responsabilité/responsibility 20. prix/prize 21. bien que/although 22. ... khidesh pas étonnant/not surprising 23. melu'khishn d’État/state 24. études de doctorat/doctoral studies 25. postes/positions 26. les plus connus/the most famous 27. poste de recherche/research position 28. salaire/salary 29. preuve/proof 30. beys pendant/during 31. kima't presque/almost 32. solution 33. conférences/lectures 34. bikhla'l complètement/completely 35. ... meshekh ... pendant/for 36. penchaient/leaned 37. publié/published.


## איך וויל אַבאָנירן דעם *פֿאָרווערטס*

אַבאָנעמענט־פּרײַזן : פֿאַראייניקטע שטאַטן[1] : איין יאָר – 36 דאָלאַר, האַלב יאָר – 21 דאָלאַר

איבער דער וועלט : ים־פּאָסט[2] : איין יאָר – 40 דאָלאַר, האַלב יאָר - 25 דאָלאַר, לופֿטפּאָסט[3] : איין יאָר – 97 דאָלאַר

נאָמען : .................................................... קרעדיט־קאַרטע־נומער : ..................................

אַדרעס : .................................................... אויסגאַנג[4]־דאַטע : ..................................

....................................................

שיקט דאָס צעטל אויפֿן אַדרעס : The Yiddish Forward, 45 E 33rd Street New York, NY 10016 USA

בליצפּאָסט־אַדרעס : faivus@Yiddish.Forward.com

1. Etats-Unis/United States 2. yam-... poste maritime/surface mail 3. poste aérienne/airmail 4. expiration.

[סוף פֿון זײַט 1]

טאָג־אַרבעטער, בעטלער[34]. זיי זײַנען געווען פֿרומע ייִדן, ייִדיש־רעדערס, מיט לאַנגע טראַדיציאָנעלע קליידער. די צוויי קהילות האָבן זיך ניט אויסגעמישט – געדאַוונט[35] אין באַזונדערע שולן, ניט חתונה געהאַט[36] צווישן זיך.

## רעמבראַנדט און די ייִדן

עס איז באַקאַנט אַז רעמבראַנדט האָט געהאַט פֿיל קאָנטאַקטן מיט ייִדן אינעם קוואַרטאַל. זײַנע שכנים זענען געווען אַזעלכע פּערזענלעכקייטן ווי מיגעל עספּינאָזאַ (אָדער ספּינאָזאַ), דער פֿאָטער פֿונעם פֿילאָזאָף ברוך[37] ספּינאָזאַ, און מנשה בן ישׂראל[38], דער באַרימטסטער רבֿ[39] אין אייראָפּע אין יענע צײַטן. רעמבראַנדט האָט געמאָלט אַ סך בילדער פֿאַר ייִדישע קונים.

ער האָט אויך אָנטייל גענומען אין אַ גרויסן פּראָיעקט – אַ סעריע ראַדירונגען[40] צום בוך פֿון מנשה בן ישׂראל, *פּיעדראַ גלאָריאָזאַ*, וואָס דערציילט די גאַנצע געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק ביז משיחס[41] צײַטן. אַחוץ דעם[42] האָט רעמבראַנדט געמאַכט אַ סך צייכענונגען, גראַווירן און געמעלן[43] פֿון ייִדן – פּערזענלעכקייטן, ווי דאָקטאָר אפֿרים[44] בוענאָ, און פּשוטע[45] לײַט, ווי בעטלער, מאַרק־פֿאַרקויפֿער, ייִדן דאַוונענדיק אין שול. אַ פּאָר מיטצײַטיקע[46] מאָלער האָבן שאַרף קריטיקירט רעמבראַנדטן אַז ער פֿאַרנעמט זיך מיט אַזעלכע טעמעס ווי „בעטלער, אַקטיאָרן, און דאָס ערגסטע – ייִדן, אומווערדיק[47] פֿאַר דער הויכער קונסט פֿון מאָלערײַ“.

רעמבראַנדטס בליק אויף ייִדן איז אַ רעאַליסטישער און אַ פֿרײַנדלעכער, אין קעגנטייל צו[48] אַ סך אייראָפּעיִשע קינסטלער פֿון יענער צײַט.

און די ייִדישע כּלה, דער צוריקגעקערטער זון און משה רבנו ? אין דער אמתן[49] קען מען ניט וויסן אויב די מאָדעלן זײַנען געווען ייִדן. מען ווייסט אָבער יאָ אַז רעמבראַנדט האָט זיך באַנוצט מיט אַ סך ייִדישע מאָדעלן פֿאַר זײַנע תּנך[50]־סצענעס. אַזוי אַרום זעען מיר דורך



**רעמבראַנדטס פּאָרטרעט פֿון אפֿרים בוענאָ**

זײַנע אויגן דאָס ייִדישע לעבן פֿון אַמאָליקן אַמסטערדאַם.

*מאַרינאַ אַלעקסעיעוואַ*

34. mendiants/beggars 35. priaient/prayed 36. kha'sene ... se mariaient/intermarry 37. borekh Baruch 38. Menashe ben Yisroel Menasseh ben Israel 39. rov rabbin/rabbi 40. eaux-fortes/etchings 41. meshiekhs du Messie/Messiah's 42. akhu'ts à part/except 43. tableaux/paintings 44. efroim 45. po'shete simples/simple 46. contemporains/contemporary 47. indigne/unworthy 48. contrairement à/unlike 49. ... e'mesn en vérité/in fact 50. tana'kh la Bible juive/the Jewish Bible.

## קונסט־גלאָסאַר

| | |
|---|---|
| מאָלן | peindre/paint |
| צייכענען | dessiner/draw |
| דער קינסטלער | artiste/artist |
| דער מאָלער | peintre/painter |
| די מאָלערײַ | peinture (art)/painting (art) |
| דאָס בילד (ער) | image, tableau/picture, painting |
| דאָס געמעל (ן) | tableau/painting |
| די/דאָס לײַוונט (ן) | toile/linen, canvas |
| דאָס איילבילד (ער) | peinture à l'huile/oil painting |
| די צייכענונג (ען) | dessin/drawing |
| די גראַוויור (ן) | gravure/engraving |
| דער האָלצשניט (ן) | gravure sur bois/woodcut |
| דער קופּערשטאָך (ן) | gravure sur cuivre/copperplate |
| די ראַדירונג (ען) | eau-forte/etching |
| די ליטאָגראַפֿיע (ס) | lithographie/lithography |
| דער פּאָרטרעט (ן) | portrait |
| די לאַנדשאַפֿט (ן), דער פּייזאַזש (ן) | paysage/landscape |
| דאָס שטיללעבן (ס) | nature morte/still life |
| דער אָריגינאַל (ן) | original |
| די קאָפּיע (ס) | copie/copy |
| דער פּענדזל (ען) | pinceau/brush |
| דער בלײַער (ס) | crayon/pencil |
| דער/די טינט | encre/ink |
| די פֿאַרב (ן) | peinture (couleur)/paint |
| די פּאַליטרע (ס) | palette |
| דער אַטעליע (ען), דער וואַרשטאַט (ן) | atelier/studio |
| דאָס געשטעל (ן) | chevalet/easel |



דער ייִדישער
טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

*דער ייִדישער טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט
יצחק, מאַרי, מאַרינאַ,
נאַטאַליאַ, עוולין, רובי.

Der Yidisher Tamtam
Maison de la culture yiddish
Bibliothèque Medem
18, passage Saint-Pierre Amelot
75011 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
tamtam@yiddishweb.com

מע קען אויך לייענען דעם *ייִדישן טעם־טעם*
אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com